**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/12/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול רופט פאר ווייטערע פארזיכטיגקייט און גרייטקייט אזוי ווי א שטארקע ברעגע שטורעם איז ערווארטעט צו באטרעפן ניו יארק אנגעהויבן זונטאג נאכמיטאג

***ברעגע פארפלייצונג ווארענונג ארויסגעגעבן פאר לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און דרום וועסטשעסטער קאונטי אנגעהויבן זונטאג 12 מיטאג ביז מאנטאג 8 אוונט; מעסיגע ביז שווערע ברעגע פארפלייצונגען מעגליך לענגאויס דרום ברעגע פון לאנג איילענד און דזשעמעיקע בעי***

***שטארקע ווינטן ווארענונג אין קראפט פאר מזרח סופאָלק קאונטי אנגעהויבן פון זונטאג 12 מיטאג ביז מאנטאג 6 נאכמיטאג; ווינט אדווייזארי אין קראפט פאר רעשט פון לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און דרום וועסטשעסטער קאונטי; MTA צו ארויפלייגן פארבאט אויף ליידיגע טראקטאר-טרעילערס און באהאפטענע טראקס אויף אירע זיבן בריקן אנגעהויבן זונטאג 3 נאכמיטאג***

***1.5 ביז 3 אינטשעס פון רעגן ערווארטעט דאַונסטעיט***

***יוטיליטי פירמעס לייגן צו מער פון 1,600 ארבייטער אין מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען; 7,100 ארבייטער יעצט שטייענדיג גרייט אריבער די סטעיט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמוטיגט ניו יארקער זיך צו פארזעצן צו גרייטן אזוי ווי א שטארקע ברעגע שטורעם איז ערווארטעט צו באטרעפן א גרויס חלק פון ניו יארק אנגעהויבן זונטאג נאכמיטאג. די שטורעם האט זיך פארשטערקערט אזוי ווי עס האט זיך ארויפגערוקט לענגאויס די מיטל-אטלאנטישע ברעגע אין ריכטונג פון דרום ניו ענגלאנד און איז ערווארטעט צו אנברענגען ברייט-פארשפרייטע מעסיגע ביז שווערע ברעגע פארפלייצונגען אריבער דאַונסטעיט ניו יארק, צוזאמען מיטן ברענגען שטארקע ווינטן און לאנג-דויערנדע רעגן צו דעם ראיאן. אין רעאקציע, האבן יוטיליטי פירמעס צוגעלייגט מער פון 1,600 ארבייטער אריבער די מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען צו ארויסהעלפן מיט שטורעם אפרופונג אפעראציעס.

"אזוי ווי די שטארקע ברעגע שטורעם דערנענטערט זיך, דארפן ניו יארקער אויספאלגן די באווארענונג מאסנאמען און נאכפאלגן זייערע לאקאלע וועטער פארשאצונגען", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט שטארקע ווינטן ווארענונגען און פארפלייצונג סכנות, איז דאס בלייבן וואכזאם, פארזיכטיג און אונטערנעמען שריט זיך צו גרייטן קריטיש פאר יעדן'ס זיכערהייט. אונזערע סטעיט אגענטורן שטייען גרייט צו ארויסהעלפן ניו יארקער מיט סיי וועלכע ווירקונגען וואס די שטארקע ברעגע שטורעם וועט אנברענגען."

גאווערנער Hochul (האקול) האט אנגעהויבן ווארענען ניו יארקער איבער די שטורעם און די ווירקונגען דערפון פריער די וואך, און זי זעצט פאר צו מוטיגן ניו יארקער צו נאכפאלגן זייערע לאקאלע וועטער

פארשאצונגען פון די נאענט, אנגרייטן זייערע הויזגעזינדער לויט דעם און זיך צוריקהאלטן פון פארן אין באטראפענע געגנטער דעם סוף וואך.

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service) איינגעשטעלטע שטייען אין פארבינדונג מיט די עלעקטריציטעט יוטיליטי פירמעס וועלכע שטעלן צו סערוויס אין געגנטער וועלכע זענען ערווארטעט צו באטראפן ווערן דורך די 'נאר-איסטער' שטורעם. Con Edison, Orange and Rockland, Central Hudson Gas and Electric, PSEG Long Island און NYSEG פאלגן אלע נאך אקטיווערהייט די וועטער פארשאצונגען און גרייטן זיך פאר פאטענציאלע ווירקונגען אין די טעריטאריעס וואו זיי שטעלן צו סערוויס.

יוטיליטי פירמע גרייטונגען האבן אריינגערעכנט דאס אריינברענגען נאך 1,618 ארבייטער, אקטיוויזירן אינצידענט קאארדינאציע פלענער, אנגרייטן עקוויפמענט, זיך פארבינדן מיט קליענטן וועלכע זענען אנגעוויזן אויף לעבנס-שטיצנדע עקוויפמענט (Life Support Equipment, LSE) און קריטישע איינריכטונג קליענטן אין די געגנטער וועלכע זענען ערווארטעט צו ווערן די מערסטע באטראפן, און אזוי אויך מאכן זיי טעלעפאן רופן צו לאקאלע רעגירונג אינסטאנצן. יוטיליטי פירמע מאנשאפטן זענען גרייט צו אפערירן אין די נאכט שעה'ן זיך צו אפרופן וואו עס איז זיכער אזוי צו טוהן. אלע יוטיליטי פירמעס זעצן פאר צו נאכפאלגן די וועטער פארשאצונגען און וועלן ארויסשיקן מאנשאפטן און עקוויפמענט לויט עקזיסטירנדע עמערדזשענסי פלענער.

די יוטיליטי פירמעס האבן אומגעפער 7,118 ארבעטער שטייענדיג גרייט אריבער די סטעיט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער די סטעיט , ווי נויטיג. דאס רעכנט אריין א צוגאב פון מער פון 1,600 ארבייטער זינט פרייטאג, מיט ConEd און Orange and Rockland צולייגנדיג 900 ארבייטער, PSEG LI צולייגנדיג 520 ארבייטער, NYSEG צולייגנדיג 198 ארבייטער און Central Hudson צולייגנדיג 44 ארבייטער. דעפארטמענט שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

די סכנה פון ברעגע פארפלייצונגען איז געהעכערט געווארן אזוי ווי די שטורעם האט זיך ארויפגערוקט לענגאויס די ברעגע, און די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service) האט יעצט ברעגע פארפלייצונג ווארענונגען ארויסגעגעבן פאר לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און דרום וועסטשעסטער קאונטי אנגעהויבן זונטאג 12 מיטאג ביז מאנטאג 8 אוונט. פארשאצונגען זאגן פאר ברייט-פארשפרייטע מעסיגע ביז שווערע ברעגע פארפלייצונגען ביי די דרום ברעגעס פון נעסאו און דרום מערב סופאָלק קאונטיס דורכאויס די שעות ווען די ים-פלייץ איז הויך ביז מאנטאג. ברייט-פארשפרייטע מילדע ביז מעסיגע ברעגע פארפלייצונגען בלייבן א סכנה פאר די רעשט פון די ברעגע, מיט די ברייט-פארשפרייטע מעגליכקייט פון זאמד אפשווענקונג און כוואליעס אנקומענדיג נאך די זאמד אין ספעציפישע פלעצער לענגאויס די ברעגעס פון די אטלאנטישע אקעאן.

שטארקע ווינטן זענען אויך ערווארטעט צו זיין א גרויסע סכנה דורכאויס די גאנצע שטורעם. די נאציאנאלע וועטער סערוויס האט ארויסגעגעבן א שטארקע ווינטן ווארענונג פאר א גרויסע חלק פון סופאָלק קאונטי אנגעהויבן זונטאג 12 מיטאג ביז מאנטאג 6 נאכמיטאג, מיט א ווינט אדווייזארי אין קראפט פאר די רעשט פון לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און דרום וועסטשעסטער קאונטי. דורכאויס די טעג זענען ווינט אויסברוכן מיט שנעלקייטן ביז 60 מייל פער שעה מעגליך און קענען פירן צו אראפגעפאלענע ביימער און מעגליכע עלעקטריציטעט קורצשלוסן. צוליב די פארגעזאגטע שטארקע ווינטן, וועט די MTA בריקן און טונעלן (Bridges and Tunnels) ארויפלייגן א פארבאט אויף ליידיגע טראקטאר-טרעילערס און באהאפטענע טראקס (פיגי-בעק, טאפלטע, טריפלטע א.ד.ג.) אויף אירע זיבן בריקן אנגעהויבן זונטאג 3:00 נאכמיטאג. באזירט אויף די יעצטיגע פאראויסשאצונג און די אלגעמיינע

צייט פון דעם וועטער ערשיינונג, איז ערווארטעט אז די פארבאט וועט זיין אין קראפט ביז 6:00pm מאנטאג.

פארשאאצונגען זאגן אויך פאר לאנג-דויערנדע רעגנס אלס טייל פון די שטורעם, מיט די מערסטע אינטענסיווע רעגן זייענדיג קאנצענטרירט דאַונסטעיט, וואו צווישן 1.5 און 3 אינטשעס פון רעגן איז ערווארטעט אין די לאָוער מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען און קלענערע פארפלייצונגען צוליב פעלערהאפטיגע אפלויף סיסטעמען איז מעגליך. די צפון מיד-האדסאן און דרום הויפטשטאט ראיאנען זענען פארגעשאצט צו באקומען צווישן איין אינטש און 1.5 אינטשעס פון רעגן, אין די צייט וואס די רעשט פון די סטעיט וועט קענען באקומען איין אינטש אדער ווייניגער. די רעגן האט די פאטענציאל צו פאראורזאכן פארפלייצונגען אין שטאטישע געגנטער מיט פעלערהאפטיגע אפלויף סיסטעמען דורכאויס זונטאג און אריין אין מאנטאג.

ניו יארקער ווערן געמוטיגט צו נאכפאלגן זייערע לאקאלע וועטער פארשאאצונגען, וועטער וואַטשעס און ווארענונגען. עס איז קריטיש צו זיכער מאכן אז רעגירונג עמערדזשענסי אלערטס זענען ערמעגליכט אויף זייערע סעלפאונס. ניו יארקער קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען בשעת מעשה'דיגע וועטער און עמערדזשענסי אלערטס – וועלכע ווערן געשיקט ווערן אלס טעקסט מעסעדזש צו זייערע טעלעפאנען – דורכן טעקסטן די נאמען פון זייער קאונטי אדער באראו צו 333111. פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען, באזוכט דעם נאציאנאלען וועטער סערוויס וועבזייטל אויף alerts.weather.gov.

**אגענטור פארברייטערונגען**

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע'ס אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Office of Emergency Management) שטייט אין פארבינדונג מיט לאקאלע אינסטאנצן און זענען גרייט צו ארויסהעלפן מיט סיי וועלכע לאקאלע פארלאנגען פאר הילף. סטעיט אנגעזאמלטע פראדוקטן זענען גרייט איינצושטעלן עמערדשענסי אפרוף צוגעהערן לויטן באדערפעניש. די סטעיט וואַטש צענטער (State Watch Center), ניו יארק'ס 24/7 אלערט און ווארענונג צענטער, פאלגט נאך פון די נאענט די וועג וואס די שטורעם נעמט און די ווירקונגען אריבער די סטעיט.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT)**

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (DOT) איז גרייט זיך אפצורופן, מיט מער פון 3,413 סופערווייזערס און טראק דרייווערס שטייענדיג גרייט אריבער די סטעיט. איינגעשטעלטע אין די דעפארטמענט פאלגן אקטיווערהייט נאך געוויסע געגנטער וואו עס איז באקאנט צו קענען האבן פראבלעמען, און זיי זענען גרייט צו אונטערנעמען שריט ווי נויטיג זיך צו אפגעבן מיט פארפלייצונגען. שטאבן קענען צוזאמגעשטעלט ווערן פאר סיי וועלכע סארט אפרופונג וואס איז נאר נויטיג, אריינרעכענענדיג אפרופונג צו פארפלייצונג, מאכן טשיפס פוןביימער, לאדענען און שלעפן, סוער דזשעט, שניידן און אוועקווארפן, אנווייזן טראפיק א.א.וו. DOT מאנשאפטן ארבעטן אויך צו איבערקוקן און אוועקנעמען בלאקירונגען פון וואסער אפלויף לעכער און וואסער טונעלן.

צו שטיצן די אפרופונג צו די שטורעם אין דעם לאנג איילענד ראיאן, נעמט די דעפארטמענט אונטער די פאלגנדע שריט:

- מאנשאפטן צו אוועקנעמען שטרויכלונגען פון שאסייען אין געגנטער מיט ברעגע פארפלייצונג זארגן וועלן אנהויבן אפעראציעס אום זונטאג 7 אינדערפרי.
- מאנשאפטן צו אוועקנעמען שטרויכלונגען פון שאסייען און דריי ביימער-שניידנדע מאנשאפטן אין אנדערע געגנטער פון לאנג איילענד וועלן צוריק אריינגערופן ווערן אין דינסט אום זונטאג 11 פארמיטאג.

- פיר טראפיק סיגנאל מעכאניקער (צוויי אין נעסאו קאונטי און צוויי אין סופאָלק) וועלן אנהויבן ארבעט אום זונטאג 12 מיטאג. נאך פיר אנדערע וועלן זיין גרייט זיך אפצורופן אויב נויטיג.
- HELP טראקס וועלן אריינגעברענגט ווערן אין דינסט פאר די קאלאמבוס דעי האלידעי דורכאויס די פארנומענע רייזע שעה'ן אינדערפרי און נאכמיטאג.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,477 גרויסע זאמד טראקס
- 332 גרויסע לאָודער טראקטאָרס
- 98 האלץ טשיפּערס
- 82 עקסקעוועיטאר טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 33 וואסער פאמפס
- 31 טראפיק און בוימער מאנשאפט באָקעט טראקס
- 30 טראַפיק טורעם פלאטפארמעס
- 19 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס

די נויט פאר נאך מיטלען וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שטורעם. פאר די ריל-טיים אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן www.511ny.org, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע קוואל.

**טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority)**

די טרו-וועי אויטאריטעט האט 656 מאשין דרייווערס און סופערווייזערס גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע ווינט אדער פארפלייצונג אינצידענטן אריבער די סטעיט מיט קליינע ביז מיטלמעסיגע עקסקעוועיטאר טראקטארס, שארער/זאמד טראקס, גרויסע לאָודער טראקטארס, באוועגיגע עלעקטראנישע שילדן (variable message sign, VMS), באוועגיגע ליכט טורעמס, קלענערע דזשענערעיטארס, קלענערע פּאָמפּס און עקוויפמענט-שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל מיטלען וועלכע זענען דא צו נוצן צו שיקן קארן דורך אן אומוועג אדער פאר שאסיי פארשליסונגען. VMS און סאָושעל מידיע ווערן גענוצט צוווארענען דרייווערס איבער וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 318 גרויסע און קליינע זאמד טראקס
- 64 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 30 טרעילערס
- 2 וואקיום טראָקס
- 15 עקסקעוועיטערס
- 7 האלץ טשיפּערס
- 104 זעגן
- 20 טראקס מיט לייטערס
- 22 סקיד סטירערס
- 86 רוקעדיגע גענעראטערס
- 74 באוועגיגע באלייכטונג יוניטס

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאונלאודען איר מאבייל עפּפּ וואס מען קען דאונלאוד'ען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז

אויפ׳ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס וועלכע שטעלן צו לעצטיגע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דער טרו-וועי, נאכפאלגן @ThruwayTraffic אויף X, אמאל געווען באקאנט אלץ טוויטער, און באזוכן, thruway.ny.gov צו זען אן אינטערעקטיוו מאפע וואס ווייזט טראפיק אומשטענדן פאר די טרו-וועי און אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
די סטעיט פאליציי האט אנגעוויזן פאר אלע טרופערס צו בלייבן וואכזאם, און זיי וועלן ארויסשיקן נאך פאטראלן צו באטראפענע געגנטער ווי נויטיג. אלע פיר-רעדער דרייוו וויהיקלס זענען אין סערוויס, און אלע וואסער פארער אוןספעציעל געאייגנטע וויהיקלס זענען אנגעגרייט און גרייט פאר באנוץ.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג**
DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, און ראיאנישע שטאב בלייבן אויפן וואך און זענען פאר צו נאכפאלגן די אנטוויקלנדע סיטואציע און וועטער פארשאצונגען. ארבעטנדיג מיט שותפות'דיגע אגענטורן, איז די DEC גרייט צו קאארדינירן די ארויסגעשיקטע מיטלען מיט אלע כלים וואס שטייען גרייט צו גענוצט ווערן, אריינרעכענענדיג ערשטע הילף מאנשאפטן, צו געציהלטע געגנטער אין פארברייטונג פאר פאטענציאלע ווירקונגען צוליב שווערע רעגן, שטארקע ווינטן און פארפלייצונגען.

די DEC דערמאנט לאקאלע באאמטע צו האלטן אן אויג אויף מעגליכע פארפלייצונגען אין זייערע קאמיוניטיס. לאקאלע רעגירונגען ווערן געמוטיגט אונטערצונעמען לאקאלע אפשאצונגען פון פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע פלעצער און אוועקנעמען סיי וועלכע אנגעזאמלטע ברוכווארג. DEC פערמיטס און באשטעטיגונג זענען נישט פארלאנגט צו אוועקנעמען שמוץ חוץ אויב די ברעגעס אדער אונטן פון די שטרוימען וועלן געשטערט ווערן דורך די פראצעדור פונעם אוועקנעמען די שמוץ און/אדער פון דאס באנוץ מיט שווערע עקוויפמענט. לאקאלע רעגירונגען ווערן גע'עצה'ט זיך צו פארבינדן מיט די DEC'ס ראיאנישע פערמיט אדמיניסטראטארן אויב הילף פארלאנגט זיך און צו העלפן באשטימען אויב א פערמיט איז נויטיג. די DEC קען ארויסגעבן עמערדזשענסי אויטאריזאציעס צו אונטערריאגן די באשטעטיגונג פון פראיעקטן אנשטאט אן איינציגווייזע פערמיט. די DEC באשטעטיגט עמערדזשענסי אויטאריזאציעס פאר אומשטענדן וועלכע ווערן באשטעטיגט צו זיין אן עמערדזשענסי באזירט אויף די באלדיגע שוץ אויף לעבן, געזונטהייט, אלגעמיינע וואוילזיין, פארמעגן אדער נאטורליכע רעסארסן.

נאך אינפארמאציע איבער ברעגע זאמד אפשווענקונג און פארפלייצונגען איז פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל.

*הייקינג זיכערהייט*
וועטער און שטורעמעס וואס זענען שווער צו פאראויסזעהן אין די עדיראַנדעקס (Adirondacks), קעטסקילס (Catskills) און אנדערע קאַנטרי ראיאנען, קענען שאפן אומערווארטעטע געפארפולע אומשטענדן. טרעילס האבן אויסגעמישטע אומשטענדן, און באזיכער זאלן זיין גרייט מיט פאסיגע קליידונג און עקוויפמענט פאר רעגן און קעלטערע טעמפעראטורן צו פארזיכערן א זיכערע דרויסנדיגע ערפארונג.

מענטשן וואס גייען הייקן אין די עדיראַנדעקס ווערן געמוטיגט צו כאפן א בליק אויף די עדיראַנדעק קאנטרי אינפארמאציע וועבזייטל בלעטער פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנאלע שאסיי אפשפארונגען און אלגעמיינע פארוויילונג אינפארמאציע.

בעק-קאונטרי באזוכער זאלן שפאצירן קלוג און נאכפאלגן פאסיגע זיכערהייט אנווייזונגען. פלאנירט אויספלוגן זיך רעכנענדיג מיט דעם. אין אן עמערדזשענסי, רופט 9-1-1. צו בעטן הילף פון וואלד רעינדזשער, רופט 1-833-NYS-RANGERS.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. Jones Beach סטעיט פארק אויפהאלטונג שטאב מיטגלידער האבן באפעסטיגט א זאמד בערגל צו באשיצן די Central Mall און הויפט האלצערנע וועג (באורד וואָלק) פון פארפלייצונגען. סטעיט פארקס איינגעשטעלטע האבן אנגעהויפנט און אוועקגעשטעלט זאמד זעקלעך ארום אויסגעשטעלטע געביידעס ביי פארקס אויפן ים ברעגע. ברעגעס זענען אפגעליידיגט געווארן פון סיי וועלכע נישט-קריטישע עקוויפמענט און אזוי אויך מיסט קאסטנס און שילדן. שטורעם אפלויף רערן און נאטורליכע אפלויף פלעצער ווערן אינספעקטירט און אויסגערייניגט ווי נויטיג. ברעגעס זענען שוין פארמאכט פאר שווימען פאר דעם סעזאן.

פארק באזיכער זאלן באזוכן parks.ny.gov, קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority)**
די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פאלגט נאך וועטער אומשטענדן פון די נאענט צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע וועטער-פארבינדענע אנגעלעגנהייטן און אוועקפירן סיי וועלכע ביימער וועלכע קענען פאלן איבער באן רעלסן. כדי צו רעדוצירן די אויסזיכטן פון א פארפלייצונג און אזוי אויך זיך צו אפרופן צו סיי וועלכע פארפלייצונג אינצידענטן, וועלן MTA מאנשאפטן אונטערזוכן אפלויף רערן אין ערטער וואו ווערן גרינג פארפלייצט צו זיכער מאכן אז זיי ארבעטן ווי עס דארף צו זיין, און סופערווייזארס וועלן האלטן אן אויג אויף גרינג-פארפלייצטע לאקאציעס פאר סיי וועלכע באריכטן פון פארפלייצונגען כדי צו פארזיכערן א שנעלע אפרופונג. עלעוועיטער און עסקעלעיטער עקספערטן וועלן ווערן ארויסגעשיקט צו פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער צו באהאנדלען אלע וועטער-פארבינדענע עלעוועיטער און עסקעלעיטער פראבלעמען.

צוליב פארגעזאגטע שטארקע ווינטן, וועט די MTA בריקן און טונעלן ארויפלייגן א פארבאט אויף ליידיגע טראקטאר-טרעילערס און באהאפטענע טראקס (פּיגי-בעק, טאפלטע, טריפלטע א.ד.ג.) אויף אירע זיבן בריקן אנגעהויבן זונטאג 3:00 נאכמיטאג. באזירט אויף די יעצטיגע פאראויסשאצונג און די אלגעמיינע צייט פון דעם וועטער ערשיינונג, איז ערווארטעט אז די פארבאט וועט זיין אין קראפט ביז 6:00pm מאנטאג.

פאסאנזשירן ווערן געמוטיגט צו קוקן אויף new.mta.info פאר די לעצטע סערוויס אַפּדעיטס און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די באנען. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קענען מען אויך באקומען דורך די MTA עפּ און דורך די TrainTime עפּ.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי (Port Authority of New York and New Jersey)**
די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי פאלגט נאך די וועטער אומשטענדן אריבער אלע אירע איינריכטונגען. אין פאל פון שווערע וועטער, גיבט די אגענטור ארויס רייזע אלערטס און אפדעיטס

לויט ווי עס נויטיגט זיך דורך אימעיל אלערטס פון די איינריכטונג און אויף סאָושעל מידיע. פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן פארט אויטאריטעט פאסיליטעטן, ביטע קוקט איבער סאושעל מידיע, שרייבט אייך איין פאר PA Alerts, אדער דאונלאודט איינע פון די PA מאבייל עפפס, אריינגערעכנט RidePATH וועלכע טוט צושטעלן ריעל-טיים אפדעיטס און ווארענונגען פאר PATH סערוויס.

**שווערע וועטער זיכערהייט עצות**
**סופלייס פאר א קאטאסטראפע**
האלט סופלייס פאר א קאטאסטראפע ביים האנט, אריינרעכנענדיג:

- פלעשלייטס און עקסטערע בעטעריס
- בעטערי־באקרעפטיגטע ראדיא און עקסטערע בעטעריס
- ערשטע הילף פעקל און אנווייזונגען
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט עלעקטרישער קען עפענער
- נויטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

**פלוצימדיגע פארפלייצונגען**

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפווישן קאר פון א ראוד אדער בריק.

**קורצשלוס**

- פרעגט אן ביי אייער יוטיליטי פירמע צו הערן די ארטיגע פאררעכטונג סקעדזשולס.
- לעשט אויס אדער שאלטערט אויס לייטס און מעבל צו פארמיידן דאס איבערלאדענען די סירקוט ווען עלעקטריציטעט ווערט צוריקגעשטעלט; לאזט איין לייט אנגעצינדן צו זעהן ווען די עלעקטריציטעט איז צוריקגעקומען.
- אויב די הייצונג לעשט זיך אויס דורכאויס א שטורעם, האלט זיך ווארעם דורכן פארמאכן סיי וועלכע צימערן וואס איר דארפט נישט.

*צו באריכטן אן עלעקטריציטעט קורצשלוס, רופט:*

- Central Hudson:  845-452-2700
- Con Edison:  800-752-6633
- National Grid:  800-867-5222
- NYSEG:  800-572-1131
- O&R:  877-434-4100
- PSEG-LI:  800-490-0075
- RG&E:  800-743-1701

פאר מער זיכערהייט טיפס, גייט צו www.dhses.ny.gov/safety.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן